**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/27/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול קומט ארויס מיט עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו אויפקלערן ניו יארקער איבער צוטריט צו גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין באהאנדלונג

***קאמפיין לויפט ביז נאך יוני; הייבט ארויס גאווערנער'ס איניציאטיוו צו פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט קעיר***

***'עכטע קעיר, עכטע צוטריט צו גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין סערוויסעס' קאמפיין קלערט אויף פובליקום איבער זייערע רעכטן אונטער ניו יארק'ס כללים פארברייטקייט פון געדעקטע נעטווארקס דורך אינשורענס***

***בילדער פון די עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין אדווערטייזמענטס זענען [פארעפנטליכט דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון אן עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו אויפקלערן ניו יארקער איבער רעגולאציעס וועלכע פארבעסערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט קעיר. די ' Real Care, Real Access to Behavioral Health Services' (עכטע קעיר, עכטע צוטריט צו גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין סערוויסעס) קאמפיין הייבט ארויס רעגולאציעס וועלכע גיבן פאר ניו יארקער מיט געוויסע קוואליפיצירנדע העלט אינשורענס פלענער צוטריט צו ערשטיגע קליניק אפוינטמענטס פאר גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין קעיר ביז צען ביזנעס טעג פון די פארלאנג און פארלאנגט פון אינשורענס פירמעס צו ארויסהעלפן פאליסי האלטער צו צוקומען צו די קעיר וואס זיי זענען בארעכטיגט צו באקומען. די קאמפיין רעכנט אויך אריין [א נייע וועבזייטל](#) מיט אינפארמאציע איבער פאציענט רעכטן און וויאזוי צו אריינגעבן א קאמפלעינט אויב די רעכטן ווערן פארלעצט.

"עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער צו האבן צוטריט צו די קעיר וואס זיי דארפן, און עס איז קריטיש יעצט מער פון סיי ווען בעפאר אז די סטעיט זאל פארזעצן צו אויסברייטערן סערוויסעס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורכן ארויסקומען מיט די עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין, וועלן מער מענטשן אריבער די סטעיט קענען וויסן זייערע רעכטן ווען עס קומט צו גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין באהאנדלונגען און טרעפן מער אפּאָרדעבעל אפציעס פאר פראָווײַדערס."

אנגעפירט דורך די סטעיט'ס דעפּארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) און אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health), איז די סטעיט-ברייטע פובליק עדזשוקעישען קאמפיין געציהלט צו מוטיגן מער ניו יארקער צו צוקומען צו גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט קעיר וואס איז געדעקט אין זייער אינשורענס נעטווארק און פארשטיין זייערע רעכטן אונטער די כללים. ביז נאך יוני, וועלן אדווערטייזמענטס אין מערערע שפראכן ארויסגעלייגט ווערן אויף מערערע דיגיטאלע און פיזישע עפנטליכע פלאטפארמעס, אריינרעכענענדיג [סאָושעל מידיע](#); טראנספארטאציע שילדן און דיגיטאלע קיאסקס; טראדיציאנאלע טעלעוויזיע און ראדיאו;

און אנדערע דיגיטאלע פלאטפארמעס, אריינרעכענענדיג זוכעריי (סירטש ענדזשין) און מוזיק/ווידעאו סערוויסעס.

די קאמפיין הייבט ארויס די יסודות פון ניו יארק'ס גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג:

**צייטליכע אפוינטמענטס**
ניו יארקער וועלכע זענען געדעקט דורך אינדיווידואלע און גרופע העלט אינשורענס פּאליסיס וועלכע זענען אונטערגעווארפן אונטער ניו יארק געזעץ, אריינרעכענענדיג פּאליסיס געקויפט דורך די New York State of Health Marketplace, Medicaid Managed Care, Child Health Plus און די Essential Plan, זענען בארעכטיגט צו באזוכן א גייסטישע געזונטהייט אדער דראג באנוץ קראנקהייט פראָוויידער ביז צען ביזנעס טעג פאר אן ערשטיגע קליניק באזוך, אדער ביז זיבן טעג אויפן לוח פאר א נאכפאלגנדע באזוך נאכן באפרייט ווערן פון א שפיטאל אדער עמערדזשענסי רום.

**הילף מיטן טרעפן פראָווײדערס**
העלט אינשורענס פירמעס מוזן ארויפלייגן אויף זייערע וועבזייטלעך א קראנטע און רעגלמעסיג-איבערגעארבעטע ליסטע פון זייער העלט קעיר פּראָווײדער נעטווארק, אריינרעכענענדיג דעם פּראָווײדער'ס סיטי/טאון און זיפ קאָוד, 'טעלע-העלט' אפציעס, שפראכן גערעדט אויב דער פּראָווײדער איז א העלט קעיר פּראפעסיאנאל, סיי וועלכע באגרעניצונגען אין באציאונג צו די ספּעציפישע פּראבלעמען וועלכע ווערן באהאנדלט אדער מענטשן פון וועלכע עלטער ווערן באדינט און סיי וועלכע אפיליאירונגען וואס דער פּראָווײדער האט מיט אנטיילנעמנדע אינסטיטוציעס, צווישן אנדערע אינפארמאציע.

די רעגולאציעס פארלאנגען אויך פון העלט אינשורענס פירמעס אז זיי זאלן האבן ספּעציעל-געווידמעטע ארבייטער וועלכע קענען העלפן פּאליסי האלטער טרעפן א פּראָווײדער אין די נעטווארק וואס באהאנדלט די ספּעציפישע גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין פּראבלעם וואס דער פּאליסי האלטער האט. אין צוגאב, מוזן די העלט אינשורענס פירמעס צושטעלן א ליסטע פון פּראָווײדערס וועלכע זענען געדעקט אין די נעטווארק וועלכע זענען אוועילעבעל צו באהאנדלען די ספּעציפישע גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין פּראבלעם פון דעם פּאליסי האלטער ביז דריי ביזנעס טעג נאך די פארלאנג דורך דעם פּאליסי האלטער אדער זייער דעזיגנירטער פארטרעטער.

**קעיר אינדרויסן פון נעטווארק**
אויב א פּאליסי האלטער קען נישט מאכן אן אפוינטמענט מיט א גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין קעיר פּראָווײדער ביז א ספּעציפישע צאל טעג ווייל קיין איין אזא פּראָווײדער איז נישט אוועילעבעל, דאן קען דער פּאליסי האלטער אדער זייער דעזיגנירטער פארטרעטער אריינגעבן א צוטריט קאמפּלעינט צו די העלט אינשורענס פירמע. די העלט אינשורענס פירמע האט דריי ביזנעס טעג פון ווען די צוטריט קאמפּלעינט ווערט ערהאלטן צו טרעפן א פּראָווײדער אין די נעטווארק וואס קען באהאנדלען די גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין פּראבלעם פון דעם פּאליסי האלטער און וואס קען גיבן אן אפוינטמענט ביז די ערלויבטע צאל טעג.

אויב קיין איין גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין קעיר פּראָווײדער אין די נעטווארק איז נישט אוועילעבעל נאכדעם וואס א פּאליסי האלטער אדער זייער דעזיגנירטער פארטרעטער גיבט אריין א צוטריט קאמפּלעינט, דאן מוז די העלט אינשורענס פירמע באשטעטיגן קעיר דורך א פּראָווײדער אינדרויסן פון די נעטווארק וואס קען נאכקומען די ערלויבטע צאל טעג פאר אן אפוינטמענט. כדי צו זיכער מאכן אז די קאסטן זענען קיינמאל נישט קיין אפּהאלט פון באקומען קעיר — אויב א פּראָווײדער אינדרויסן פון די נעטווארק ווערט באשטעטיגט ווייל קעיר איז נישט דא צו באקומען אין די נעטווארק, דאן

מוז דער פּאָליסי האַלטער נאָר באַצאָלן די קאָפּעי, קאָ-אינשורענס און דידאָקטעבעל וואָס זיי וואָלטן באַצאָלט אין די נעטוואָרק.

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון פינאַנציעלע סערוויסעס ציטוויליגע סופּעראינטענדענט, Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראָו), האָט געזאָגט,** "די DFS איז פאַרפליכטעט צו זיכער מאַכן אַז ניו יאָרקער האָבן צוטריט צו די לעבנסוויכטיגע קעיר צו וועלכע זיי זענען בארעכטיגט. א קריטישע חלק פון צוטריט איז זיין אויפמערקזאַם איבער דעם — און די קאַמפּיין שטרעבט צו זיכער מאַכן אַז יעדער פּאָליסי האַלטער פאַרשטייט זייערע רעכטן צו באַקומען גייסטישע און עמאָציאָנאַלע קעיר אין ניו יאָרק."

**ניו יאָרק סטעיט אָפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאָמישאַנער, Dr. Ann Sullivan (דר. ען סאָליוואַן), האָט געזאָגט,** "די רעגולאַטאָרישע ענדערונגען העלפן זיכער מאַכן אַז ניו יאָרקער האָבן צייטליכע צוטריט צו גייסטישע און עמאָציאָנאַלע וואוילזיין קעיר און אַז העלט אינשורענס פירמעס, אַריינרעכנענדיג קאָמערציעלע אינשורענס פירמעס, האָבן צופרידנשטעלנדע נעטווארקס צו קענען ערפילן די געברויכן. די עפנטליכע אויפמערקזאַמקייט קאַמפּיין וועט ערמעגליכן יחידים און פאַמיליעס צו פאַרשטיין די ענדערונגען וועלכע זענען יעצט אין קראַפט און זיכער מאַכן אַז זיי האָבן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און דראַג באַנוץ סערוויסעס פון א הויכע קוואַליטעט ווען אימער זיי דאַרפן דאָס. דאָס פאַרשפּרייטן די ידיעה איבער די ענדערונגען שפּיגלט אָפּ גאווערנער Hochul (האָקול)'ס אנגייענדע באַמיאונגען צו אויסברייטערן צוטריט צו גייסטישע און עמאָציאָנאַלע וואוילזיין קעיר פאַר אַלע ניו יאָרקער."

**ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט קאָמישאַנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאָנאַלד), האָט געזאָגט,** "גאווערנער Hochul (האָקול) פאַרשטייט אַז די ערשטע טריט פאַר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונטהייט אָדער דראַג באַנוץ העלט קעיר איז אָפּט צו וויסן וועלכע סערוויסעס זענען דאָ צו באַקומען און וואו זיי צו טרעפן. די עפנטליכע אויפמערקזאַמקייט קאַמפּיין וועט העלפן ניו יאָרקער פאַרשטיין די אָפּציעס וואָס זענען דאָ פאַר זיי כדי זיי זאָלן קענען צוקומען צו צייטליכע אַפּוינטמענטס, טרעפן פּראָוויידערס אין די נעטוואָרק און צוקומען צו קעיר אָן קיין צוגעלייגטע קאָסטן ווען קעיר איז נישטאָ צו באַקומען אין די נעטוואָרק. ניו יאָרק סטעיט וועט פאַרזעצן צו זיין א פירערין ביים אויסברייטערן צוטריט צו לעבנס-ראַטעווענדע געזונטהייט און גייסטישע און עמאָציאָנאַלע וואוילזיין סערוויסעס בשעת'ן אַוועקנעמען שטרויכלונגען וואָס שטייען אין וועג פון קעיר."

**ניו יאָרק סטעיט אָפיס פון אַדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Support) קאָמישאַנער, Dr. Chinazo Cunningham (דר. טשינאַזאָו קאַנינגהעם), האָט געזאָגט,** "עס קומט נישט אַז ניו יאָרקער זאָלן זיך דאַרפן מוטשענען צו טרעפן די גייסטישע געזונטהייט און דראַג באַנוץ קראַנקהייט קעיר וואָס זיי דאַרפן, ווען זיי דאַרפן עס. אונטער גאווערנער Hochul (האָקול)'ס פירערשאַפט, האָט ניו יאָרק סטעיט געמאַכט באַדייטנדע פאַרשריט ביים פאַרשטערקערן צוטריט צו גייסטישע און עמאָציאָנאַלע וואוילזיין קעיר, און די איניציאַטיוו שטופּט ווייטער פאָראויס גרעסערע צוטריט דורכן פאַרזיכערן צייטליכע אַפּוינטמענטס און שטערקערע פאַראַנטוואָרטליכקייט צווישן העלט אינשורענס פירמעס."

**סטעיט סענאַטאָרשע Samra Brouk (סאַמרא ברוּק) האָט געזאָגט,** "אַלס פאָרזיצערין פון די סענאַט גייסטישע געזונטהייט קאָמיטע (Mental Health Committee), אַנערקען איך אַז צוטריט איז גאָר וויכטיג צו העלפן אונזערע איינוואוינער באַקומען די קריטישע קעיר וואָס זיי דאַרפן. איך אַפּלאָדיר גאווערנער Hochul (האָקול)'ס באַמיאונגען צו פאַרמערן די אויפמערקזאַמקייט צווישן די פּובליקום איבער גייסטישע און עמאָציאָנאַלע וואוילזיין סערוויסעס אין ניו יאָרק סטעיט און צו היטן אויף פּאַציענט רעכטן. אינשורענס פירמעס מוזן געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטליך צו זיכער מאַכן אַז צופרידנשטעלנדע פּראָוויידער נעטווארקס עקזיסטירן אין יעדע קאָמיוניטי פאַר די וואוילזיין פון אַלע ניו יאָרקער."

**סטעיט סענאטארשע Nathalia Fernandez (נעטאליע פערנאנדעז) האט געזאגט,** "צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט קעיר איז נישט פרייווילעגיע. עס איז א פונדאמענטאלע טייל פון אונזער געזונטהייט סיסטעם. די רעגולאציעס ווידערהאלן אז פאציענטן האבן רעכטן און אינשורענס פירמעס האבן פאראנטווארטליכקייטן. קלארע סטאנדארטן פאר צייטליכע אפוינטמענטס, אפענע פּראָווײַדער נעטווארקס און עכטע פאראנטווארטליכקייט פון אינשורענס פירמעס העלפן זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען באקומען קעיר ווען זיי דארפן עס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jo Anne Simon (דזשאָ ען סיימאן) האט געזאגט,** "גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט קעיר מוזן זיין צייטליך, צוגעשטעלט ווערן מיט אפענע כללים און באהאנדלט ווערן מיט די זעלבע דרינגנדיגקייט ווי סיי וועלכע אנדערע מעדיצינישע פראבלעם. די נייע סטעיט-ברייטע עפנטליכע אויפמערקזאמקייט קאמפיין וועט העלפן ניו יארקער פארשטיין זייערע רעכטן, זיך אן עצה גיבן מיטן אויסנוצן זייער דעקונג און פארבינדן ווערן מיט קעיר אן אפשפעטיגונגען. איך לויב אויס גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט צוטריט און באהאנדלונג."

די כללים גייען נישט ארויף אויף זעלבסט-פינאנצירטע ארבעטער רעטייערמענט איינקונפט פארזיכערונג געזעץ (Employee Retirement Income Security Act, ERISA) פלענער. ניו יארקער וועלכע זענען אומזיכער איבער זייער דעקונג זאלן זיך פארבינדן מיט זייער אינשורענס פירמע אדער ארבעטסגעבער. די וועלכע נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונטהייט אדער דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס זאלן אויך איבערקוקן זייערע העלט אינשורענס פאליסיס פאר א ליסטע פון וואס איז געדעקט.

ניו יארקער קענען אריינגעבן א קאמפּלעינט קעגן העלט אינשורענס פירמעס וועלכע פאלגן נישט אויס די כללים. ניו יארקער וועלכע זענען געדעקט דורך Medicaid, Essential Plan אדער Child Health Plus קענען אריינגעבן א קאמפּלעינט צו די סטעיט העלט דעפארטמענט (Department of Health), און ניו יארקער מיט סטעיט-רעגולירטע קאמערציעלע אינשורענס דעקונג קענען אריינגעבן א קאמפּלעינט צו די DFS. די נייע וועבזייטל האט בלעטער געווידמעט צו גיבן מער אינפארמאציע איבער גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייט דעקונג פאדערונגען, שוץ מאסנאמען און וויאזוי צו אריינגעבן א קאמפּלעינט, באזוכט [דא](#).

דער קאמיוניטי געזונטהייט צוטריט צו אדיקשען און גייסטישע העלטקעיר פראיעקט (Community Health Access to Addiction & Mental Healthcare Project, CHAMP) איז א הילפס-מיטל וואס איז דא צו העלפן מענטשן מיט אינשורענס פראבלעמען פארבינדן מיט דראג באנוץ קראנקהייט און גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר. CHAMP קען ענטפערן פראגעס, העלפן אריינגעבן קאמפּלעינטס קעגן אינשורענס פירמעס און העלפן אפעלירן אפגעזאגטע פארלאנגען פאר אינשורענס דעקונג. צו לערנען מער, באזוכט www.champny.org אדער רופט די CHAMP האטליין אויף 1-888-614-5400.

ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען אדער וועמען'ס באליבטע מוטשענען זיך דערמיט קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס טאל-פרייע HOPEline האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף (1-877-846-7369) 1-877-8-HOPENY אדער דורכן טעקסטן HOPENY (קאוד פאר 467369)

###

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן